בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְדִים, מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת

גליון קל״ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת וארא
שנת תשפ״ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## - אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער -

### אוֹיפְנֶעמֶען דִי בֶּעסְטֶע אוּן גֶעלוּנְגֶענְסְטֶע מְלַמְדִים

עֶס אִיז גְרוֹיסֶע זְכִיָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: דִי וֶועלְט הָאט אַ טָעוּת; וֶוען מֶען זוּכְט אֵיינֶער זָאל שְׁלֵייפְן דִיאַמַאנְטְן, טוּן גָאלְד אַרְבֶּעט, אָדֶער אַ קָאמְפְּיוּטֶער סְפֶּעצִיאַלִיסְט, נֶעמְט מֶען אֵיינֶעם וָואס אִיז זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען, וִוידֶער וֶוען מֶען זוּכְט וֶוער עֶס זָאל אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִין חֵדֶר נֶעמְט מֶען אֵיינֶעם וָואס אִיז אַ בַּטְלָן אוּן נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען; אֵיינֶער וָואס מוּז קוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד כְּדֵי זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵייעֶר זוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵד... בֶּאֱמֶת וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין פַארְקֶערְט; מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט אוֹיפְנֶעמֶען דִי בֶּעסְטֶע אוּן גֶעלוּנְגֶענְסְטֶע מְלַמְדִים, וַוייל אוֹיבּ מֶען שְׁנַיידְט בְּטָעוּת אַרַיין אִין אַ דִיאַמַאנְט, אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, מֶען קֶען נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע דִיאַמַאנְט, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ דֶער סְפֶּעצִיאַלִיסְט מַאכְט אַ טָעוּת מִיטְן קָאמְפְּיוּטֶער אִיז אוֹיךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט, מֶען הָאט דָאךְ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶע'הַרְגְ'עט, עֶס אִיז נָאר אַ גֶעלְט שָׁאדְן, אָבֶּער אִין מְלוּמְדוּת אוֹיבּ מֶען שְׁנַיידְט חַס וְשָׁלוֹם אַרַיין אִין אַ קִינְד אִיז פַּחַד פְּחָדִים וַוייל מֶען הָאט צֶעשְׁנִיטְן אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): **"הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא"**, דֶער וָואס רַאטֶעוֶועט אֵיין אִידִישׁ קִינְד, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכֶנְט וִוי עֶר רַאטֶעוֶועט אוּן שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, וַוייל פוּן יֶעדֶעס קִינְד גֵייט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ גַאנְצֶע וֶועלְט.

### אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ פַארְמַאכְט קִינְד

וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אוּם צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער זֶעט מֶען וִוי יֶעדֶעס קִינְד שַׁיינְט אַרוֹיס מִיט זַיין אֵייגֶענַארְטִיגְקֵייט; גֶעוִויסֶע קִינְדֶער קֶענֶען שֵׁיין דַאוֶונֶען, גֶעוִויסֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בַּיים לֶערְנֶען, אַנְדֶערֶע קִינְדֶער קֶענֶען שֵׁיין שְׁרַייבְּן, גוּט רֶעכֶענֶען, אָנְפִירְן אַ שְׁמוּעֶס, אָדֶער קֶענֶען זֵיי שֵׁיין טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען וֶוען מֶען מַאכְט אַ שְׁפִּיל אִין כִּתָּה, אוֹיךְ זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס יֶעדֶער הָאט לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי. קַיין אֵיין קִינְד הָאט נִישְׁט אַלֶע מַעֲלוֹת צוּזַאמֶען, אָבֶּער יֶעדֶעס קִינְד שַׁיינְט אַרוֹיס מִיט זַיינֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת. אִיךְ זֶע דָאס צְוִוישְׁן מַיינֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, יֶעדֶעס קִינְד הָאט עֶפֶּעס אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַעֲלָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים סְפֶּעצִיעֶל גֶעגֶעבְּן וָואס דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט.

עֶס קֶען זִיךְ אָבֶּער מַאכְן אִין אַ כִּתָּה אַז אֵיין קִינְד אִיז אַ פַארְמַאכְטֶער בְּלוּם; עֶר אִיז אִין נַאטוּר זֵייעֶר צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען, אוּן עֶר שַׁיינְט נִישְׁט אַרוֹיס מִיט קַיין שוּם זַאךְ, דַארְף דֶער מְלַמֵד זֶען מִיט חָכְמָה וִוי אַזוֹי אִים צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אִים מַאכְן שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר אִין כִּתָּה מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט.

מֶען קֶען שְׁטֶעלְן דֶעם קִינְד צוּ זַיין דֶער גַבַּאי צוּ בְּרֶענְגֶען צֶעטְלֶעךְ פוּן אָפִיס, אָדֶער זָאל עֶר אוֹיסְטֵיילְן צֶעטְלֶעךְ אִין כִּתָּה, אָדֶער זָאל עֶר טוּן אַן אַרְבֶּעט וָואס עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ נִישְׁט צוּ דַארְפְן רֶעדְן בָּרַבִּים, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן מַיינֶע תַּלְמִידִים, וּבִפְרַט דֶער תַּלְמִיד וָואס אִיז זֵייעֶר צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן, עֶר רֶעדְט נִישְׁט אוּן זִיצְט פַארְמַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג"**.

מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִינְד אִין אֵיין מִינוּט, דָאס אִיז אַן אַרְבֶּעט וָואס דַארְף אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען גָאר קְלֵיין בִּיז נָאךְ אַלֶע חִינוּךְ יָארְן, אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז אַלֶע מְלַמְדִים בּוֹיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען חַזֶר'ט כְּסֵדֶר פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער אַז עֶר אִיז טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב, קֶען מֶען הָאפְן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֵייסְטִישׁ גֶעזוּנְט.

### נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן דִי קִינְדֶער

אוֹיבּ אַ קִינְד רֶעדְט אַרַיין בְּשַׁעַת דֶער מְלַמֵד הַאלְט אִינְמִיטְן רֶעדְן, אָדֶער עֶר שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דֶערְנִידֶערְן דֶעם קִינְד.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, מֶען דַארְף צוּמָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אוּן זָאגְן: **"מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט!" "מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה!"** חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אַז קִינְדֶער מֶעגְן טוּן וָואס זֵיי ווִילְן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאר קִינְדֶער, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ; אוֹיבּ אַ מְלַמֵד זֶעט אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, זָאל עֶר מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם פוּן קַארְטְלֶעךְ אוּן פּוּנְקְטְן, אוּן בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען דַארְף אָבֶּער זַיין פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ דֶערְנִידֶערְן אָדֶער פַּיינִיגְן קִינְדֶער חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף בְּלוֹיז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער.

### זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַ מְלַמֵד דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אָנְגֵיין מִיט זַיין אַרְבֶּעט צוּ דִי קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר בַּאמֶערְקְט אַז אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער פוּן אִים, אָדֶער עֶר הֶערְט זִיךְ אוּנְטֶער וִוי קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ: **"דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער רֶבִּי", "דֶער פַארְיֶערִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ בֶּעסֶער"**,

אָדֶער אַ קִינְד זָאגְט: **"אַזַא שָׁאד, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז יֶענֶער גֵייט זַיין אוּנְזֶער רֶבִּי"**.

אַסַאךְ מָאל פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן וואוֹיל וַוייל דֶער מְלַמֵּד דַארְף יֶעצְט אַרִיבֶּערְגֵיין צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ צוּלִיבּ זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זָאל דֶער מְלַמֵּד זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרִיבֶּער צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי מִיר מוֹחֵל, אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה**".

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ כַאפְּן אַ קְלֵיינֶע שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַאר מֶען גֵייט אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער; מֶען קֶען עֶס טוּן אוֹיפְן וֶועג גֵייעֶנְדִיג צוּם חֵדֶר. מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז אִיךְ בִּין גֶעלוּנְגֶען אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן לְמַעֲשֶׂה קֶען אִיךְ נִישְׁט אָן דִיר, דִי קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער פוּן מִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט אָנְנֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן אָדֶער פַארְשֶׁעמֶען, אִיךְ זָאל נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער**".

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד?

אַ מְלַמֵּד דַארְף אַרַיינְטְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד?' קֵיינֶער קוּמְט דָאךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן כְּדֵי צוּ אָפְּנֶעמֶען כָּבוֹד פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן אַז זֵיי הַאלְטְן פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן אַנֶערְקֶענְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען מִיט זֵייעֶר שֵׂכֶל אַז עֶר אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מְלַמֵּד... מִיר קוּמֶען אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער וַוייל מִיר ווִילְן טוּן גוּטֶע זַאכְן אִין אוּנְזֶער לֶעבְן, אוּן מִיר ווִילְן הָאבְּן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט מַחְשִׁיב דֶעם מְלַמֵּד; מֶען טָאר עֶס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל**", וֶוערְט נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט דִי פְלֶעקְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת, דִי עֵצָה ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן זַיינֶע פְּגָמִים אִיז נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף חֵלֶק א׳, סִימָן מא).

דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זְכִיָה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע אַרְבֶּעט וָואס מֶען טוּט מִיט קִינְדֶער, אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דִי גַאנְצֶע טָאג אִיז גֶעפְלָאכְטְן מִיט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען חַזֶר'ט מִיט דִי קִינְדֶער: "**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן!**" אוּן מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ מַזְכִּיר זַיין שֵׁם הַשֵּׁם, זֵיי זָאלְן זָאגְן: "**בָּרוּךְ ה'**", "**בְּעֶזְרַת ה'**", "**אִם יִרְצֶה ה'**", מִיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים.

## אֱמוּנָה הֵיילְט אוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

אַז מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וֶועט דָאס זֵיי אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע שְׁרֶעק אוּן פְּחָדִים, וַוייל אֱמוּנָה הֵיילְט אוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, ווִידֶער אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּן זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כה, אוֹת ד): "אִי אֶפְשָׁר לְהַכְנִיעַ הַקְּלִפּוֹת", מֶען קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען דִי קְלִיפּוֹת, וָואס מֵיינְט דָאס קְלִיפּוֹת? "הַיְנוּ הַדִּמְיוֹנוֹת", פַאנְטַאזִיעֶס, "וְהַמַּחֲשָׁבוֹת", אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, "וְהַתַּאֲווֹת", אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גְלוּסְט, "וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת שֶׁבַּמַּדְרֵגָה", אוּן אַלֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "אֶלָּא עַל-יְדֵי גְּדֻלּוֹת הַבּוֹרֵא", נָאר דוּרְךְ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס גְרוֹיסְקֵייט; וַוייל ווִי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'אַה מְחַיֶּ', עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא, עֶר פִּירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס' - וֶוערְן אַלֶע קְלִיפּוֹת אוֹיס.

אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶעטָאדְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם - אִיז אַלֶעס פַאנְטַאזִיעֶס אוּן עֶס בַּארוּאִיגְט נִישְׁט. נֶעבֶּעךְ פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ הֶעלְפֶּערְס, אָדֶער נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ טִפּוּלִים וְכַדוֹמֶה, מֶען וֶוערְט דָארְט נָאר מֶער צֶעדְרֵייט. דֶער בָּשָׂר וָדָם מַאכְט חוֹזֶק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאגְט אִים: "**יֶעצְט אָטֶעם אַרַיין אוּן יֶעצְט אָטֶעם אַרוֹיס**", "**יֶעצְט פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁרֶעק**", אוּן "**יֶעצְט טְרַאכְט ווִי דִי שְׁרֶעק נֶעמְט דִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער**", "**יֶעצְט שְׁרֵיי**" וְכַדוֹמֶה; דִי זַאכְן זֶענֶען גֶעמַאכְט פַאר דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֵיילְן זִיךְ דוּרְךְ אֱמוּנָה.

## דֶער צִיל פוּן אַ שׁוּלֶע

לֶערֶערִינְס דַארְפְן ווִיסְן וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן אַ שׁוּלֶע; דֶער צִיל פוּן אַ שׁוּלֶע אִיז אֵיין זַאךְ: דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט הֶערְן וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס, אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין, אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ מְחַיֶּ', אוּן מֶען זָאל בַּאטְרַאכְטְן יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער, מֶען זָאל זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

מֶען טֵיילְט אַיין אִין שׁוּלֶע לִימוּדִים פַאר אַלֶע יָארְגֶענְג, פוּן דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער בִּיז דִי עֶלְסְטֶע כִּתָּה; מֶען דַאוֶוענְט מִיט זֵיי אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי עִבְרִי, לֵיינֶען, רֶעכֶענֶען, מֶען מַאלֶעוֶועט אוּן מֶען שְׁנַיידְט אוֹיס שֵׁיינֶע בִּילְדֶער פוּן דִי פַּרְשָׁה, מֶען זָאגְט מִיט דִי קִינְדֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אִין דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת לֶערְנְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז נִישְׁט דָאס אִיז דֶער צִיל פוּן אַ שׁוּלֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אוֹיבּ אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף אַ לִימוּד אָדֶער זִי הַאלְט נִישְׁט מִיט אַ גֶעווִיסֶע לִימוּד; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ אַ קִינְד מַאלֶעוֶועט אַרוֹיס פוּנֶעם בִּילְד, אָדֶער זִי קֶען נִישְׁט שְׁנַיידְן אַזוֹי גְרָאד, אָדֶער זִי קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט רֶעכֶענֶען, וַוייל דִי זַאכְן זֶענֶען גָארְנִישְׁט מְשַׁנֶּה צוּם לֶעבְן, אֵיין זַאךְ אִיז יָא ווִיכְטִיג, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֵייסְטִישׁ גֶעזוּנְט.

מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זֵיי וַוייזְן אַז זֵיי קֶענֶען יָא אוּן זֵיי זֶענֶען יָא וֶוערְד.

## וָואס נֶעמְט מֶען מִיט נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

וֶוען מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' הָאט גֶעעֶנְדִיגְט חֲתוּנָה מַאכְן אִיר יוּנְגְסְטֶע טָאכְטֶער, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי דַארְף בֶּענְטְשְׁן אַ בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל אַז זִי קֶען שׁוֹין אָפְּאָטֶעמֶען פוּן דִי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס זִי הָאט גֶעהַאט דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן וָואס אִירֶע טֶעכְטֶער הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין שׁוּלֶע; וַוייל זִי הָאט דָאךְ אַ שְׁטוּבּ מִיט עֶלְף טֶעכְטֶער קַיין עַיִן הָרָע, אוּן בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה אִיז הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ ווִיכְטִיגֶער ווִי קֶענֶען אוֹיסְנְוֵוייניג דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן פוּן וֶוען אַמֶערִיקֶע שְׁטֵייט; בַּיי אוּנְז אִיז ווִיכְטִיג צוּ הֶעלְפְן אַ בַּאבֶּע, אַ מַאמֶע; מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין גֶעווִיכְט אוֹיף 'קֶענְסְט יָא', 'קֶענְסְט נִישְׁט', מֶען רֶעדְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן דֶעם, אוֹיךְ זֶענֶען מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס גֶעוֶוען גֶעזוּנְט אוּן לֶעבֶּעדִיג, דֶערְפַאר פְלֶעגְט מֶען פַארְשִׁיקְן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס פוּן שׁוּלֶע וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי לִימוּדִים אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען, אוּן מֶען פְלֶעגְט אָנְרוּפְן מַיין מַאמֶע זָאגְן אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין צוּ הִילְף, וַוייל זֵיי זֶענֶען צוּ לֶעבֶּעדִיג; מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט פַארְגִיסְן טְרֶערְן

# המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

פון די צער וואס מען האט איר געמאכט.

איין מאל האט די מנהלת פון שולע איר אנגערופן זאגן אז איר קליין מיידל דארף איבערגיין א כתה ווייל זי פארשטייט נאכנישט אז איינס מיט נאך איינס איז צוויי, האט איר מיין מאמע געפרעגט: **"זי שטערט די כתה?"** האט די מנהלת געזאגט: **"ניין, זי שטערט נישט"**, האט זיך מיין מאמע געבעטן צו איר מיט טרערן: **"וואס ווילסטו פון איר, וואס גייט דיך אן אז זי קען נישט אזוי גוט רעכענען? אויב מען קען נישט גוט רעכענען וועט מען דען נישט קענען זיין א גוטע מאמע פאר די קינדער?! לאז איר מיטגיין מיט די כתה".**

מיין מאמע האט געפרעגט די מנהלת אויב זי ווייסט בכלל פארוואס דער רבי זכותו יגן עלינו פון סאטמער האט געעפנט די מיידל שולע? זי האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן; מיין מאמע איז דאך געבוירן אין א שטוב וואס מען האט זיך נישט גערירט אן דעם רבי'ן, מען האט געאטעמט דעם רבי'ן, און זי איז געווען פון די ערשטע תלמידות פון די סאטמערע שולע, האט זי געזאגט פאר די מנהלת: **"דער רבי האט געזאגט ביים עפענען די שולע: 'איך עפן א שולע אז מיידלעך זאלן האבן וואו צו גיין און וואו צו קומען', אלע לימודים וואס מען לערנט אין שולע איז נאר געמאכט כדי אנצופילן דעם טאג, נישט אז עס זאל ווערן געפירט מיט א סיסטעם, אויב מען קען די לימודים - קען מען זיין אין שולע, און אז נישט - פארשיקט מען".**

די מחנכים וואס וועלן אריינגעמען די אמת'ע ווערטער אין זייער הארץ און זיי וועלן דאס פרובירן מקיים צו זיין, וועלן זיכער מצליח זיין מיט זייערע תלמידים, זיי וועלן שעפן נחת פון זיי אויף די וועלט, און נאך פיל מער אויף יענע וועלט.

# בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## קען איך רעדן צו די קינדער פון זאכן וואס איך האלט נישט דערביי?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מלמד און איך הער די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס העלפט מיר זייער ארויס אין מיין פאסטן, ספעציעל בין איך זיך מחיה יעדע וואך מיטן גליון "שיעורי חינוך", אזויפיל גוטע עצות און הדרכות אין חינוך.

איך האב געוואלט פרעגן, אזוי ווי איך האב זיך איינגעפירט אז איך זאג פאר די קינדער נאר זאכן וואס איך אליין האלט דערביי, אבער דאס מאכט מיר א פראבלעם ביי געוויסע זאכן וואס איך דארף אויסלערנען פאר די קינדער, אבער איך אליין טו עס נישט ווי עס דארף צו זיין, און איך שפיר זיך ווי א פאפער אויב איך וועל זיי הייסן טון א זאך וואס איך טו נישט. צום ביישפיל ווען איך זאג זיי מוסר אז מען דארף דאווענען אויף איין פלאץ און נישט ארומשפאצירן ביים דאווענען, מען דארף זיצן מיט דרך ארץ ביים דאווענען, מען רעדט יעצט צום אייבערשטן, און אזוי ווייטער; אבער אין די זעלבע צייט ווייס איך אז איך האלט נאכנישט ביי דעם דערוויל, פארשטייט זיך אז ווען איך דאווען מיט די קינדער, דאווען איך שטייטליך, אבער ווען איך דאווען צופרי אין שול, האב איך נישט צופיל געדולד צום דאווענען, איך קום אן שפעט צום דאווענען און איך גיי ארויס פרי, און איך קען זיך נישט צופיל קאנצענטרירן אויפן דאווענען; איך ווייס עס איז נישט גערעכט, אבער וואס זאל איך טון אז דאס איז דערווייל די מציאות.

ווען עס קומט צו רעדן צו די קינדער וועגן דאווענען, ווייס איך נישט ווי אזוי עס צו טון אויף אן אמת'ן וועג; אפשר זאל איך רעדן הויך אזוי ווי צו מיר אליין אז אזוי דארף מען דאווענען, און די קינדער וועלן זיך צוהערן? אדער זאל איך זיי זאגן אז אפילו מען זעט ערוואקסענע מענטשן שפאצירן ארום ביים דאווענען, איז דאס נאר ווייל זיי האבן זיך שלעכט איינגעוואוינט, אבער דער אמת'ער וועג איז יא צו דאווענען אויף איין פלאץ?

איך שפיר ווי איך דארף הדרכה אויף דעם, ווייל עס איז נישט נאר ביי די נושא פון דאווענען, עס קומט כסדר אויס ביי יעדע צווייטע זאך וואס איך דארף מחנך זיין קינדער אויף דעם, אבער איך אליין בין ווייט פון דעם.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת יתרו, שובבי"ם, י"ט שבט, שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

רעד אסאך צו די קינדער פון אמונה און פון תפלה, וועט דאס אויך משפיע זיין אויף דיר. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קו) דורך רעדן פון יראת שמים, חיזוק און אמונה - צו אנדערע - פועל'ט עס אויפן מענטש אליינס, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים מא, ב): "אשרי משכיל אל דל", ווען א מענטש איז צעבראכן, "אם לא יכול בעצמו לבוא לגדלות המוחין", אז ער קען זיך נישט מחזק זיין און זיין אן ערליכער איד, "עצה לזה", איז די עצה, "שישכיל אחרים", ער זאל רעדן צו אנדערע, "ועל ידי זה נתעורר גם אצלו", דורכדעם וואס ער איז מחזק א צווייטן - וועט ער אליינס ווערן מחוזק.

דער עיקר דארף א מלמד האבן אסאך סבלנות, אזוי ווי מיר געפינען ביי די מעשה פון רבי פרידא וואס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (עירובין נד:), רבי פרידא האט געהאט א תלמיד וואס האט נישט פארשטאנען וואס מען לערנט מיט אים, מען האט אים געדארפט איבערזאגן פיר הונדערט מאל, רבי פרידא מיט זיין גרויס סבלנות האט מיט אים געלערנט נאכאמאל און נאכאמאל ביז פיר הונדערט מאל. איין מאל האט רבי פרידא געזען אז דער תלמיד פארשטייט נישט אפילו ביי פיר הונדערט מאל, פרעגט ער אים: "האידנא מאי שנא", וואס איז יעצט אנדערש אז דו פארשטייסט נאכאלץ נישט? זאגט דער תלמיד, איך האב נישט קיין קאפ צו פארשטיין, ווייל איך זע אז דער רבי יאגט זיך צו גיין, טראכט איך אגאנצן צייט אז יעצט גייט שוין דער רבי מיך איבערלאזן, האב איך נישט קיין קאפ צו פארשטיין, האט רבי פרידא אים געזאגט: "הב דעתך ואתני ליך", לייג צו קאפ און איך וועל דיר לערנען, "הדר תנא ליה ארבע מאה זימני", ער האט אים נאכאמאל געלערנט

פִּיר הוּנְדֶערְט מָאל, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן פִּיר הוּנְדֶערְט יָאר אוּן צוּ עוֹלָם הַבָּא.

אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון פַאר דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן קִינְדֶער – טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה זִיךְ אַדוּרְכְרֶעדְן אוֹיבּ עֶר זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵד, פְּרֶעגְט אִים דֶער גָאוֹן: ”וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט?” זָאגְט עֶר: ”אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט”, פְּרֶעגְט עֶר אִים: ”פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס אָפְּגֶעלָאזְט?” זָאגְט עֶר: ”מֶען הָאט מִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בַּאגְלֵייבְּטֶער”, זָאגְט אִים רֶבִּי מֵאִיר: ”וֶוער נִישְׁט קַיין מְלַמֵד; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט שֶׁחְטְ׳ן קֶעלְבְּלֶעךְ וִוילְסְטוּ גֵיין שֶׁחְטְ׳ן קִינְדֶער?!” זֶעט מֶען אַז צוּ זַיין אַ מְלַמֵד דַארְף מֶען זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אוּן צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, דוּ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן צוּפְלַאקֶערְט צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אוֹיךְ דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ אָנְצִינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): ”דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד”, זָאלְסְט וִויסְן – זָאגְט דֶער רֶבִּי – אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, ”כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד”. וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, וִויל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק, בִּפְרַט וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת משפטים, שנת תשפ״ד)

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין אִינְגֶל אִיז צוּפִיל בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אִין חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין כִּתָּה ב׳ אִינְגֶל קוּמְט אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים בַּאשְׁטְרָאפְט דְרֵיי מָאל אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג, אוּן אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ צִיפּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרִיוַואטֶע קֶשֶׁר מִיט דִי מְלַמְדִים פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי צוּגַאנְג וָואס דֶער מְלַמֵד הָאט צוּם תַּלְמִיד וֶוען עֶר קֶען דִי עֶלְטֶערְן.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵד אוּן גֶעבּ אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִים וִוי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט אוּן וִוי דַיין קִינְד בְּלִיעֶט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְּרֶעגְן צִי עֶר אִיז צוּפְרִידְן אוּן אוֹיבּ דֶער קִינְד אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג. אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְּרֶעגְן אוֹיבּ עֶס פֶּעלְט אוֹיס צִיפְּן; זָאג אִים מִיט שֵׁיינֶעם אַז אוֹיבּ עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיטְן קִינְד זָאל עֶר דִיךְ רוּפְן אוּן דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם קִינְד.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁוֶוער מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן, אוּן דֶער עִיקָר שְׁוֶועריִקֵייט אִיז – אַז מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב אוּן מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נִישְׁט. דֶער מְלַמֵד זִיצְט מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה קִינְדֶער, דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי גְלֵייזְן, בִּיז עֶר פַארְלִירְט זִיךְ; וָואלְטְן דִי עֶלְטֶערְן גֶעהַאט הַכָּרַת הַטוֹב, גֶעקוּמֶען זָאגְן שְׁכֹּחַ, גֶעקוּמֶען זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן – וָואלְט דֶער מְלַמֵד גֶעאַרְבֶּעט גְרִינְגֶער.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן אַרְבֶּעטְן מִיטְן מְלַמֵד; וֶועלְן זֵיי זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וישלח, שנת תשפ״ד)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט״א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876